בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' עקב תשפ"ב
Vol. 38A

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

זמנים
**פ' עקב**
הדלקת הנרות
7:35
סו"ז קריאת שמע
8:59
זמן מוצש"ק
9:01

ויסעו מסאוט בלומינגראוו ויחנו באוואשינגטאנוויל...

# כ"ק מרן אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א שטאַט אָפּ געהויבענער באַזוך ביי פריש איפגעקומענע "מאפעט רידזש" אומגעגנט; אַ שפּאַן אַוועק פון ווילעדזש אָון סאַוט בלומינגראוו

## "מאפעט רידזש" אין וואשינגטאנוויל, טאַון און בלומינגראוו, אַנטהאַלט אַ געבענטשטע סופּליי פון הונדערטער הערליכע און רחבות'דיגע הייזער פאר עפּאָרדעבל פרייזן וואָס וועט בעז"ה זיין אַ געוואונטשענע לעזונג און אַ גליקליכער עתיד פון הרחבת גבולי הקדושה

אין אַ צייט וואָס דער דירות מאַנגל אין אַלע היימישע געגנטער באַאומרואיגט אידן וועלכע זוכן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ פאר די קינדער געבענטשטע משפחות בליעה"ר, ווערט עירינו בלומינגראוו המעטירה, מיט רעכט, באַטראַכט אַלס אַ געוואַלדיגער עתיד פאר היימישע אידן, וואו עס וועט בעז"ה געבויעט ווערן פילצאָליגע הייזער און רחבות'דיגע דעוועלאָפּמענטס, וואָס וועט בעז"ה זיין אַ שטאַרקע הילף פאר אידן וועלכע זוכן צו קויפן עפּאָרדעבל הייזער, נישט אויף קיין הויכע שטאָקן אָדער צושטופּטע בנינים, נאר טאַקע מיט די ריכטיגע הרחבת הדעת כהלכות גבראין יהודאין.

ווירקליך איז עס שוין לאַנגע חדשים וואָס אינערהאַלב די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע איז מען אַקטיוו צו פּאָראויס שטופּן פילע פּלענער פון ברייטע און רחבות'דיגע הייזער קאָמפּלעקסן וועלכע וועלן געבויעט ווערן אין דער צוקונפט. אָבער ווי עס פּאַרשטייט יעדער פּאַסירט דאָס נישט איבערנאַכט. איבערהויפּט אַז ס'דארף ערגעצט ווערן אַזויפיל אומצאָליגע לעגאַלע

(פארזעצונג אויף זייט 4)

# פאַראייניגטע "פּלענינג באָורד" און ווילעדזש באָורד" סעסיע באַשטעטיגט ווייטערדיגע פאָרשריט פאר מאַסיווע "קלאָוואָוד" דעוועלאָפּמענט

זייט 7

בכוחו וזכותו של אותו זקן!!

# דעם רבי'נס שטרייַמל

יואל שטערן – יצחק עקשטיין

זייט 2

## בכוחו וזכותו של אותו זקן!

# דעם רבי'נס שטריימל

יואל שטערן - יצחק עקשטיין

הנה זה עומד אחר כותלינו. אָט שטייען מיר שוין ווידער אין די טעג אַרום דעם גרויסן יומא דהילולא קדישא פון אבינו רועינו רבינו הק' זי"ע, וואָס מיר תושבי שכונת בלומינגראוו המעטירה, פארמאגן די באַזונדערע זכי' צו זיין סמוך ונראה, ממלא צו זיין רצון קדשו פונעם הייליגן רבי'ן, וועלכער האָט בערוב ימיו אויפגעשטעלט דאָס פלאַץ מיט מסירת נפש, אלס א הייליג רואיג ווינקל וואו אידן זאלן קענען דינען השי"ת און מחנך זיין די קינדער מיט א הרחבת הדעת, ריין פון אלע שטאטישע איבלען און פראבלעמען און אפגעזונדערט פון די פרעמדע גאס, ביז משיח'ס טאג.

איינס פון די אומבאַגרייפליכע און די הימלישע אויפטואונגען וואָס דער הייליגער רבי זי"ע, דער עיר וקדיש משמיא נחית, האָט געטוישט אויף אייביג אין דעם ארץ לא זרוע - אדמת אמעריקע, איז אָן קיין צווייפל דער חסידי'שער לבוש, דער הייליגער שטריימל, וואָס איז יסודתו בהררי קודש פון די תלמידי בעש"ט הק', וואָס דער רבי האָט דאָ איבערגעפלאַנצט און אָנגעטון פאַר'ן ציבור תלמידיו וחסידיו, מיט אַ אידישן שטאָלץ און דערהויבנקייט, וואָס האָט ווירקליך משפיע געווען אויפ'ן גאַנצן כאַראַקטער פון אַמעריקע מיד ולדורות.

אַלע ווייסן אַז איידער דעם אָנקום פון דעם רעיא מהימנא קדישא איז דאָ, אויף דעם אייז- קאַלטן אַמעריקאַנער באָדן, נישט געווען אפילו קיין קלער אַז אַ איד זאָל גיין מיט אַ שטריימל אויף דעם גאַס אום שב"ק. דער שטריימל איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פרעמדער געוויקס אין דער טריפה'נער אַמעריקע.

אָבער דער רבי, מיט זיין כח הקדושה, האָט באַוויזן דאָס אומגלויבליכע ווען ער האָט אין יענע תקופה, אין די סאַמע בראשית יאָרן, אומאויפהערליך געמוטיגט און געפאָדערט אַז זיינע תלמידים זאלן אָנטון שטריימלעך אום שב"ק. דער ענין איז אים געגאַנגען בנפשו, זעהנדיג דערינען אַ געוואַלדיגער יסוד פאַר'ן עתיד הדורות, צו אַוועקשטעלן אַ אידישער ישוב ווי אן אינזל וואָס איז אָפגעשיידט פון דער גאס און וואָס שטאָלצירט מיט זייער חסידי'שע טראַגע. וחפץ ה' בידו הצליח למעלה מן המשוער!

• • •

צווישן סאַטמאַרער חסידים איז באַקאַנט די עובדא אַז ביי דעם רבי'נס שבת אויפרוף, ווינטער שנת תרס"ד, איז זיין הייליגער פאָטער, דער קדושת יום טוב זי"ע, שוין געווען זייער אָפגעשוואַכט, ונר אלקים טרם יכבה ממש געציילטע טעג פאר זיין פטירה לחיי העולם הבא, און ווען דער קדושת יום טוב האָט אָנגעטון פאַר'ן רבי'ן זיין שטריימל צום ערשטן מאָל האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט בלש"ק: "חבש כובע ישועה בראשו, זאָלסט זיין אַ פועל ישועות פאַר אידישע קינדער".

אָט דער הייליגער "כובע ישועה", דער שבת'דיגער שטריימל, האָט דער רבי ווירקליך אָנגעטון פאַר אידישע קינדער און דערמיט געמאַכט אַן אייביגע מהפיכה אין די געוועזענע גוי'אישע געגנטער פון אַמעריקע.

דער צדיק הדורות האָט דערמיט געשטרעבט צו אַראָפשטעלן אַ נייע כאַראַקטער פאר די אַמעריקאַנער גאַסן. ער האָט געהאָפט - און ער האָט מצליח געווען - צו איינפלאַנצן טאַקע דאָ אין דער טריפה'נער אַמעריקע, אַ גייסט פון חסידי'שע ווארימקייט, אַ לעבן פון פרומע אידנטום, פונקט ווי אין דער אַלטער היים.

דעם רבי'נס "כובע ישועה" האָט אָנגעוואַרעמט די פאַרפרוירענע אייז. עס האָט באַשיינפערליך געטוישט דאָס אויסזען און די כאַראַקטער פון גאַנצע געגנטער. עס האָט אַריינגעברענגט דעם "שבת קודש" און דעם חסיד'ישן אויר אין אַזעלכע געוועזליכע גוי'אישע געגנטער ווי קראָון הייטס, וויליאַמסבורג און באָראָ פאַרק. לחיותינו כהיום הזה.

דער שטריימל איז פאַרבליבן אַ סימבאָל פון דער תקומה פון אידישקייט על אדמת אַמעריקע. דער שטריימל איז עד היום געבליבן דער סימן פון אַ חסידי'שע מקום, וואָס טוט באַשטעטיגן אַז דאָס איז אַן ערליך פלאַץ וואו מען איז אָפגעשיידט פונעם גוי און זיינע איבלען. כמה גדולים מעשי חייא שפעל ועשה שלא תשתכח תורה מישראל!

• • •

ס'איז קיין סוד אַז בלומינגראוו, אונזער באַליבטע עיר ואם בישראל, גייט אַריבער אין דער לעצטער תקופה אַ "דירות קריזיס", אויף אַ פאַרנעם ווי קיינמאָל בעפאָר. דאָס איז אַ פאַקטאָר וואָס באַאומרואיגט און לאָזט נישט במנוחה די עסקני ושלוחי הציבור, אינערהאַלב די פאַראייניגטע אידישע קהלות, די "יו. דזשעי. סי." וועלכע לייגן אַריין אַלע באַמיאונגען צו ברענגען אַ לעזונג און אַרויסהעלפן די לאַגע.

די אַרבעט פון הרחבת גבולי העיר קאָנצענטרירט זיך אויף עטליכע באַזונדערע פראָנטן. צום אַלעם ערשטן גאַלאָפירט די פראַגרעס וואָס וועט ערמעגליכן אַז אידן זאלן קענען אויסברייטערן הייזער מיט אַן הרחבה, ווי עס וועט בעז"ה געמאָלדן ווערן גאָר גינסטליכע נייעס אויף דעם הינזיכט אין די גאָר נאָענטע טעג און באַזונדער איז מען אַקטיוו צוצואיילן דעוועלאָפער פון גרעסערע פראָיעקטן זיך צו רוקן פאָראויס לטובת בני העיר פאַר'ן לאַנגען טערמין.

ביתר שאת זעצט פאָר די עבודת הקודש צו אויסברייטערן די גבולות העיר, כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ, מיט פרישע בליענדע געגנטער, וועלכע וועלן בעז"ה זיין אַ געבענטשטע לעזונג מיט אַ שפע פון הערליכע הייזער. סיי אין די אויפגעכאַפטע "בארנס" געגנט און דאָס זעלבע אין די "מאפעט רידזש" אומגעגנט אין וואשינגטאנוויל, וואו בלומינגראוו וועט זיך אויסברייטערן מיט נאָך הונדערטער בתים נאמנים בישראל על מי מנוחות.

• • •

אָבער טאַקע דערפאַר איז שוין העכסט - צייט צו אַדרעסירן אַ גאָר וויכטיגע איניציאַטיוו וואָס טאָר נישט וואַרטן מיט



קיין איבעריגע מינוט. עס איז די רעדע פון די הערליכע "טענעדזשער" גאַס, דאָ אין דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו.

דאָ האַנדלט זיך עס פון אַ גאס וואָס איז געבויעט אויף אַ באַקוועמען אויסשטעל, מיט אַ היימישן טעם, ממש ווי צוגעפּאַסט פאר חסיד'ישע פאַמיליעס, מיט ברייטע ראָודס, גרויסע לופטיגע גראונדס, גענוג פּאַרקינג, א.א.וו. און איבער אַלעם: די הייזער זענען ניטאַמאָל קיין שפּאַן אַוועק! זיי געפינען זיך אייגנטליך אין סאַמע צענטער, אין האַרץ פון אונזער שטאט!

די גאס און אַרום אַנטהאַלט דעם ציפער פון רמ"ח הייזער. דאָס איז צוויי הונדערט אַכט און פערציג! הייזער וואָס זענען דאָ הינטער אונזערע פענסטער. וואָס אַריבער 150 דערפון זענען שוין פּאַקטיש אונטער די אייגנטום פון אחינו בני ישראל, לאָקאַלע איינוואוינער דאָהי אין בלומינגראוו אָדער קרית יואל.

**די האַרבע שאלה איז נוקב ויורד: וויאַזוי קען דאָס זיין אַז אין דער צייט וואָס אידן בלוטיגן פאר דירות און פאר עפּאָרדעבל רענטלס, איז נאָך כהיום נישט פאַרהאַן נאר "צוויי" אידישע איינוואוינער אויף דער גאַנצער גאַס?!, בעת וואָס 150 הייזער באַלאַנגען שוין פאַר אידישע אייגנטומער?! וויאַזוי מעגן מיר צולאָזן אַזאַ ערשיינונג פאַר אונזערע אייגענע ברודער, פאַר אונזער אייגענע געגנט?**

טייערע אידן, עס איז שוין געקומען די צייט צו ערשיינען מיט אן עפענטליכן אויפוואַכונג רוף: מיר מוזן טון צו דער זאַך!

מיר דאַרפן פשוט זיך צאמקלויבן בעצה אחת ובדעה אחת און טון דעם זעלבסט פאַרשטענדליכן אחריות'דיגן און מענטשליכן שריט, צו פאַרדינגען די הייזער פאַר אידישע טענענטס, און אינזין האָבן אונזערע אייגענע ברודער בגשמיות וברוחניות.

• • •

**בלומינגראווער אידן גייען בעזר השי"ת "אַריינברענגען דעם רבי'נס שטריימל" אין נאָך אַ געגנט דאָ אין ווילעדזש!**

מיר גייען זיכער מאַכן אַז אין דער נאָנטער צוקונפט וועט מען זען אויף די גאַסן פון "טענעדזשער" חסיד'ישע שטריימלעך, ווייסע טליתים און געבלומטע בעקיטשעס! מיר גייען דאָרט אַריינברענגען דאָס לעכטיגקייט פון אַ שבת קודש, דאָס ווארימקייט פון אידישע שטיבער, און די פלאַם פון אַ סאַטמאַרער היימישע געגנט, פונקט ווי מיר האָבן עס געטון מיט אַזויפיל סייעתא דשמיא אין "וואַרלי הייטס", אין "לעיק שאור" און אין "קעפּיטל היילל".

ואין חכם כבעל הנסיון! פאר אונז תושבי בלומינגראוו דאַרף מען נישט צופיל ערקלערן וויאַזוי מען באַלייכט אַ געגנט מיט דאָס ליכטיגקייט פון תורה און חסידי'שקייט, מיר קענען דאָס שוין פון אייגענע ערפאַרונג, בדוק ומנוסה, און מיר ווייסן אויך אַז דאָס איז נישט קיין "על מנת שתעלה לרקיע". עס פאַרלאַנגט בלויז אַביסל אַנטשלאָסנקייט און גרייטקייט צו פאַרלייכטערן דעם מצב און אַרומנעמען דעם געגנט מיט אַ חומה בצורה פון אידישקייט און ערליכקייט.

טייערע ברודער, החלצו חושים! לאָמיר זיך אויסברייטערן קיין "טענעזשער" ראָוד, ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצו.

אין די יעצטיגע טעג ווערט, מטעם די יו. דזשעי. סי., אַרויסגעשיקט פערזענליכע בריוו צו אַלע היים אייגנטומער וועלכע פאַרמאָגן הייזער אין דעם געגנט, צו פאַרשטיין אונזער חובת השעה אין אַזאַ צייט און צו באַגרייפן די אויסטערלישע זכי' פון אַזאַ זיכוי הרבים לדורות עולם.

טייערע ברודער היים אייגנטומער אויף דער גאס! איר האָט אַצינד די זעלטענע געלעגנהייט צו זיין אַ ריכטיגער עוסק בצרכי ציבור באמונה, מיט דעם גרעסטן זכות פון העלפן בויען אַ אידישע שטאט, אַן עיר ואם בישראל מיט לעכטיגע אידישע הייזער. איר וועט דערמיט האָבן אַ יסודות'דיגן און אייביגן חלק אין אַלע זכותים, אין אַלע אידישע שטיבער וואָס וועלן ערצויגן ווערן אויף דעם אָרט און וועלן פון דאָ זיך אויפהייבן און מיטפּאָרן קיין ירושלים עיה"ק בימינו בקרוב.

ימין ושמאל תפרוצו, ואת ה' תעריצו: לאָמיר אַריינברענגען דעם הייליגן שטריימל, דעם הייליגן כובע ישועות פון רבינו הקדוש זי"ע בכמות ובאיכות, דעם חסידי'שן ישוב, קיין "טענעדזשער" ראָוד, און לאָמיר דאָרט זוכה זיין צו די הייליגע השראת השכינה, שתשרה שכינה במעשי ידינו, בזכותו ובכוחו של רבינו הק' מייסד עירינו זי"ע, לכונן עיר מושב עד ביאת הגואל!

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**

בלומינגראוו
# באחדות
יעדער יחיד • פאַר אונזער עתיד!

בס"ד

**שלום וישע רב אל מע"כ ידידינו הרבני החשוב**

**אתה ה' לעולם תשמרו וכצנה רצון תעטרו.**

אחר דרישת שלומו הטוב בכבוד הראוי, איז אונז אַ פּריוויליגע זיך צו ווענדן צו מע"כ הי"ו, זיך צו איבערשמועסן ווי גוטע ברודער, "כדבר איש אל רעהו", מיט א קריאה של חיבה בנוגע די לעכטיגע גאָלדענע עתיד פון אונזער הייליגע שטאָט, בלומינגראוו המעטירה. ותשועה ברוב יועץ.

אַלס אַן אייגנטומער פון אַ הויז אין די הערליכע "טענעדזשער" גאַס, דאָ אין דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו, זענט איר דאך נאָענט באַקאַנט מיט די אויפבליה פון אונזער שטאט, וואָס איז ב"ה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן עיר ואם בישראל במלוא מובן המלה, דורך נאָך אַ יחיד און נאָך אַ יחיד, אידן וועלכע האָבן זיך אַהער אַרויסגעצויגן, טראָץ אַלע שוועריגקייטן און אומבאַקוועמליכקייטן, און געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל צו אויפבויען אַ אידישע שטאט מיט אן ערליכן כאַראַקטער, וואו מ'זאָל קענען מגדל זיין דורות נאמנים מיט אַ הרחבת הדעת אין אַ היימישע סביבה.

איר האָט דאָך עס אליינס מיטגעהאַלטן פון דער נאָנט די האָרעוואַניע און די שוועריגקייטן וואָס די איינוואוינער זענען אַריבער ביז אַהער, ביז מען האָט דערגרייכט דעם יעצטיגן מאָמענט ב"ה, און דאס איז דאך אייגנטליך די סיבה פארוואס איר האט איינגעהאנדלט די דירה אויף די "טענעדזשער" גאַס, כדי צו זיין אחד מן החבורה, צו זיין א חלק פונעם הצלחה און סוקסעס, צו זיין א חלק פון די היסטאריע וואס מען האט ברוך השם עררייכט! און טאַקע דערפאַר ווענדן מיר זיך צו אייך מיט אַ האַרציגע געבעט: ביטע העלפט אונז אַרויס לעכטיג מאַכן די גאַנצע כאַראַקטער פון דער שטאָט, דורך עפענען די טויערן פון די "טענעדזשער" גאס פאר אחינו בני ישראל, אונזערע אידישע ברודער וועלכע קוקן אַרויס אויף אַ לייטישע דירה אין דער געגנט!

דאָס טרוקענע מציאות איז אַז היינט צוטאָגס זענען פאַרהאַן אַריבער 150 הייזער אויף דער "טענעדזשער" גאס און אַרום, וואָס באַלאַנגען שוין פאַקטיש אונטער די אייגנטום פון אחינו בני ישראל, לאָקאַלע איינוואוינער דאָהי אין בלומינגראוו אָדער קרית יואל.

און די האַרבע שאלה פרעגט זיך ווי פון זיך אליינס: וויאַזוי קען דאָס זיין אַז אין דער צייט וואָס אידן בלוטיגן פאר דירות און פאר עפאָרדעבל רענטלס, איז נאָך כהיום נישט פאַרהאַן <u>נאר צוויי אידישע איינוואוינער אויף דער גאַנצער גאַס</u>?! וויאַזוי מעגן מיר צולאָזן אַזאַ ערשיינונג פאר אונזערע אייגענע ברודער, פאר אונזער אייגענע געגנט ?!

טייערע אידן, ס'איז געקומען די צייט אַז מיר זאָלן אינאיינעם טון צו דער זאַך! לאָמיר זיך צאמקלויבן בעצה אחת ובדעה אחת און טון דעם זעלבסט פאַרשטענדליכן שכל'דיגן און מענטשליכן שריט, צו פאַרדינגען די הייזער פאַר אידישע טענענטס! אינזין האָבן אונזערע אייגענע ברודער בגשמיות וברוחניות!

שוין אָפּגערעדט אַז אייער נאָבעלע שריט וועט זיך אויסצאָלן אפילו בגשמיות מיט הונדערט פּראָצענטיגע רוחים אויפ'ן פלאַץ! ווי יעדער פאַרשטייט אַז אין דער מינוט וואָס דער גאס וועט ווערן באַזעצט מיט אידישע משפחות וועט די "ווערט" פון אייער אינוועסטמענט זיך דאָפּלן איבערנאַכט. ס'איז די שענסטע ביישפּיל פון אַ ריכטיגע "אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא", ווען מיט דעם זעלבן שריט קענען מיר זוכה זיין צו העלפן אידישע קינדער, אויפבויען אַ געגנט און גלייכצייטיג פאַרדינען אויפ'ן אָרט כפלי כפליים.

לאָמיר, טייערע אידן, דאָס מסדר זיין אינאיינעם! לאָמיר טון דעם ריכטיגן שריט בעיני אלקים ואדם, און ס'איז נישט קיין ספק אַז השי"ת וועט אייך באַצאָלן פאר די געוואַלדיגע זכי', פון אויפבויען אַ הייליגע שטאָט מיט לעכטיגע אידישע הייזער. איר זענט אן אינטעגראלער שותף אין די מלאכת הקודש און דאָס פאַרבלייבט אייער זכות בזה ובבא, צו ווערן געבענטשט מיט אַלע ברכות און השפעות טובות אמן.

**ווי עס שרייבן מיט שעצונג און הכרת הטוב, בשם כל תושבי העיר, בשם ה' נעשה ונצליח**

## פאַראייניגטע אידישע איינוואוינער אין בלומינגראוו

**בריוו וואס איז געשיקט געווארן צו היימישע אייגענטומער פון די טענעזשער דעוועלאפמענט**

# פּאַראייניגטע "פּלענינג באָורד" און ווילעדזש באָורד" סעסיע באַשטעטיגט ווייטערדיגע פאָרשריט פאר מאַסיווע "קלאָוואָוד" דעוועלאָפּמענט

דעם פאַרלאָפענעם פרייטאָג פרשת מטות מסעי, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ספּעציעלע פאַראייניגטע מיטינג צווישן דעם ווילעדזש באָורד און דער ווילעדזש פלענינג באָורד, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די ווייטערדיגע פלענער אַרום דעם אויפבוי פון דעם לאַנג - ערוואַרטעטן מאַסיוון דירות פּראָיעקט פון דער "קלאָוואוד" דעוועלאָפּמענט.

עס האָבן ביי דער זיצונג אַנטייל גענומען די מעמבער פון די "פּלענינג און זאָונינג" באָורדס, און ס'איז באַשטימט געוואָרן צו אָנהויבן דעם פּראָצעדור פון אַקצעפּטירן דעם FEIS, דער "פיינעל ענווייראָמענטעל אימפּעקט סטעיטמענט", פאר די קלאָוואוד דעוועלאָפּמענט, וואָס וועט בעז"ה ברענגען אַ פרישע פלוס פון טויזנטער דירות פאַר'ן לאַנגן טערמין.

די 'קלאָוואוד' דעוועלאָפּמענט איז ליידער געוואָרן טרויעריג באַקאַנט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, אַלס אַ סימבאָל פון אָפּענע אַנטיסעמיטיזם ווען די אידן - פיינט אין דער אומגעגנט האָבן אין לויף פון די לעצטע 18 לאַנגע יאָרן! געטון אַלעס אין זייער מעגליכקייט, אַנווענדענדיג יעדע סאָרט טאַקטיק, מיט אומצאָליגע שיקאַנירונגען און געלט אויספּרעסעריי, צו אָפּהאַלטן און שטערן דעם דעוועלאָפּמענט, אויס זאָרג פון דעם באוואוסטן "פן ירבה".

אָבער לא לעולם חוסן, בחסדי השי"ת, באַלד נאָכדעם וואָס די ווילעדזש פירערשאַפט איז איבערגענומען געוואָרן דורך אַ סימפּאַטישע אַדמיניסטראַציע, איז געגעבן געוואָרן די גרינע ליכט זיך צו רוקן פאָראויס מיט דעם פאַרצויגענעם פּראָיעקט ווען די היימישע באָורד מיטגלידער האָבן געטון צו דער זאַך, אַרויסצוהעלפן לינדערן דעם דירות מאַנגל, אַז דער פּראָיעקט זאָל קענען פאָראויסגיין ווייטער, אָן קיין אָפּהאַלט.

דער פּראָצעדור פון אַקצעפּטירן דעם FEIS, געדויערט אַמווייניגסטנס 11 טעג, ווען דער ווילעדזש באָורדס דאַרפן איבערקוקן אויב אַלעס שטימט טאַקע לויט די פאָרשריפטן פון די קאָונטי און דער ווילעדזש און אויב די דעוועלאָפּער זענען נאָכגעקומען אַלע פּאַרלאַנגען. הערשט נאָך 11 טעג קען די ווילעדזש באַשטימען נאָך אַ מיטינג און געבן זייער סטעיטמענט אויב דאָס איז אַפּראָווד.

ווירקליך, זענען די אַריינגעגעבענע פּלענער טאַקע נאָכגעקומען אַלע נויטיגע רעגולאַציעס, און דעריבער איז דינסטאָג ואתחנן, אָפּגעהאַלטן געוואָרן די צווייטע פאַראייניגטע זיצונג, צווישן דעם ווילעדזש באָורד און דער פּלענינג באָורד, וואו ס'איז הילכיג אָפּגעשטימט געוואָרן דער "פיינעל סטעיטמענט" אַז דער פּראָיעקט קען בעז"ה זיך רוקן פאָראויס, צו די קומענדיגע שטאַפּלען פון בויען דעם ריזיגן דעוועלאָפּמענט.

אַצינד, נאָכדעם וואָס ס'איז ערהאַלטן געוואָרן דער "עפּראוול" איבער די ענווייראָמענטאַלע אַנגעלעגנהייטן, זענען די פּלענער פון דעם פּראָיעקט צוריק צום "פּלענינג באָורד", וואו עס וועט באַקומען בשעה טובה ומוצלחת דעם ענדגילטיגן "סוב דעוויזשן עפּראוול", און דערנאָך קען אַריינגעגעבן ווערן די אַפּליקאַציעס פאר פּערמיטן צו אָנהויבן די אַרבעט בשעה טובה ומצלחת, ונבנתה עיר על תילה!




**מעסטער פּלען פון די קלאָוואוד דעוועלאָפּמענט, מערקט אנגעצייכנט די ראודס 208 און קלאָוו וואס גרענעצן די ריזיגע דעוועלאָפּמענט פון אינטן מערקט די גאסן פון ארלינגטאן און ווירזשינע**

# כ"ק מרן אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א שטאַט אָפּ געהויבענער באַזוך ביי פריש אויפגעקומענע "מאפעט רידזש" אומגעגנט; אַ שפּאַן אַוועק פון ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו

(פאַרזעצונג פון ערשטע זייט)

און טעכנישע דעטאַלן וואָס פאָדערן זיך צו קענען אָנהויבן מרחיב זיין די גבולי העיר, און הערשט דערנאָך דורכפירן די פאַרצווייגטע בוי פּראָיעקטן פאר נייע דעוועלאפמענטס, וואָס וועט לויט אַלע פאראויסשאצונגען נאָך געדויערן אַ שטיקל צייט.

דערווייל האָט אונזער באַליבטע שטאט, די עיר ואם בישראל בלומינגראוו המעטירה, זיך קונה שם געווען אומעטום מיט איר הערליכע כאַראַקטער, וואָס האָט געברענגט דערצו אַז אידן פון נאָנט און דער ווייט זוכן דאָ צו קויפן הייזער, און וויבאַלד ס'איז נאָכנישט פאַרהאַן קיין באַלדיגע סופליי פון הייזער האָט דאָס צום באַדויערן אַרויפגעטריבן די פּרייזן צו הימל-שרייענדע ציפערן, קעגן יעדע לאָגישע סברא און אַ ווייטאָגליכע ערשיינונג וואָס ברענגט נישט קיין תועלת פאר קיינעם.

איז עס דעריבער אַ בשורה מרנינה ווען די גרעניצן פון בלומינגראוו טוען זיך בסייעתא דשמיא אויסברייטערן נאָך ברייטער און ווייטער, אויך צו דערנעבענדיגע געגנטער, ווי דער ריכטיגער כלל וואָס מאָטיווירט אונזער שטאט: "מען שפּרייט זיך אויס אין דער ברייט, נישט אין דער הויעך"...

## די הערליכע "מאפעט רידזש" געגנט און איר וויזיע אויפ'ן דירות מאַרקעט

נישט לאַנג צוריק האָבן די עסקני העיר אַנאָנסירט איבער דעם ניי - אויפגעכאַפּטער "בארנס" געגנט, וואָס האָט ב"ה געהאַט אן אויסטערלישע ערפאָלג, ווען מען האַלט מיט וויאַזוי עס בויעט זיך אַ געגנט לשם ולתהלה, דירות ווערן אויסגעקויפט און אָט עפענט זיך שוין דאָס ערשטער בית המדרש, דורך אינגעלייט בעלי דעת וועלכע טוען דעם קלוגן און געוואונטשענעם שריט בעיני אלקים ואדם, מען גייט עטוואָס אַרויס פון די באַקוועמליכקייט זאָנע און מען שפּרייט זיך אויס מיט אַן הרחבת הדעת.

וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני'. אַצינד איז די רעדע פון נאָך אַ געניאַלע געגנט, די הערליכע און רואיגע ראַיאָן פון "מאפעט רידזש" - וואַשינגטאָנוויל, וואָס געפינט זיך אין דער טאַון אָוו בלומינגראוו, אַ שפּאַן אַוועק פון די היימישע ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו, און איז אַ שלימות'דיגע אָפּציע פאר היימישע אידן מיט אירע שיינע, פּראַקטישע און באַקוועמע הייזער, וואס שטעלט פאָר אַ וויזיע און פּאַסיגע מעגליכקייט פאַר אַ בליענדע וואוקס וואָס זאָל עווענטועל קענען אריינעמען פילצאליגע היימישע משפחות וואָס ווערן זיך אַהין באַזעצן רואיג און צופרידן, און זיך דאָרט פּערמענאַנט איינקוואַרטירן ביז משיח'ס טאָג.

דער געגנט, וועלכע געפינט זיך בלויז עטליכע מינוט פאָרן מיט אַ קאַר פון סאַוט בלומינגראוו, איז געבויעט אויפ'ן זעלבן סטיל און כאַראַקטער ווי די "קעפּיטל היל" געגנט, מיט הערליכע הייזער, גרויסע לעכטיגע פּראַפּערטיס, וועלכע זענען נישט צו נאָנט און אויך נישט צו ווייט אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע.

די הייזער זענען אַלע אַ קנאַפּע צוואָנציג יאָר אַלט, וואָס איז פיל ווינציגער ווי די עלטערע הייזער פון דעם היזיגן ווילעדזש, און אויך די גאַסן זענען פלאַך און נישט צו שטאַרק בערגיג. לויט די קראַנטע אָפּשאַצונגען פאַרמאָגט דער געגנט אַמווייניגסטנס פינף הונדערט הייזער, אויסגעשפּרייט אַרום 20 גאַסן, וואָס איז ממש ווי אויסגעגאָסן צום באַנוץ פונעם היימישן ציבור אַלס דער צוקונפטיגער עיר ואם בישראל.

איבערהויפּט פאַרמאָגט דער געגנט די גרויסע מעלה אַז מען קען אַצינד טרעפן דאָרט אויסטערלישע דיעל'ס פון הייזער פאַר גאָר




**טייל פון די גאסן אין די מאפעט רידזש געגענט, מיט הונדערטער הערליכע דירות, - געבויט געווארן בערך 20 יאר צוריק - אויף שיינע גרויסע פראפערטיס, א צוקונפט פאר א עיר ואם בישראל**

| | | |
|---|---|---|
| Puritan Ln | Capital Dr | Ballard Pond Dr |
| Revere Cir | Decker Dr | Alexander Dr |
| Franklin Pl | Somerset Dr | Reed Ct |
| Liberty Ct | Carlisle Way | Jaques Dr |
| Patriot Ln | Congress Dr | Stone Hill Rd |
| Plymouth Rock Ct | Pembroke Rd | Clinton Dr |
| | Pilgrim Ln | Hampshire Dr |




**ימין ושמאל תפרוצי בלומינגראו וגלילותי' טוען זיך אויסשפרייטן אין דער "ברייט"...**
**בלויז 7 מינוט דרייוו פון מאפעט ריזש ביז סאוט בלומינגראו**

אַנשטענדיגע און עפאָרדעבל פרייזן, וואָס דערמאַנט פון די ביליגע פרייזן אין סאַוט בלומינגראוו מיט עטליכע יאָר צוריק. אַזוי אַרום אַז די אָרטיגע איינוואוינער וועלן געניסן פון א באַקוועמע דירה נאה המרחיבה דעתו של אדם, רואיג און צופרידן על מי מנוחות. און אַלעס אין דעם זעלבן גייסט און באַגערטע אַטמאָספערע געגנוי ווי מיר זענען אויפגעוואַקסן און וויאַזוי מיר שטרעבן ווייטער צו מחנך זיין אונזערע קינדער מיט'ן אויבירשטנ'ס הילף.

## ברכת הקודש פון כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א

עס איז שוין אַ לענגערע צייט וואָס כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א, אשר עינו ולבו איז שטענדיג איבערגעגעבן למען הצלחת עירינו כידוע ומפורסם, האט באַאויפטראַגט די עסקני העיר זיך צו אַריינלייגן און טרעפן אַ שטיקל לעזונג צו דעם דירות קריזיס וואָס הערשט אין שטאָט, און נישט וואַרטן ביז מען וועט אָנהויבן בויען נייע הייזער.

דער רבי שליט"א ווייזט כסדר אָן אַז ס'איז העכסט צייט זיך צו ווייטער אויסשפרייטן אויך אין דערנעבענדיגע געגנטער, פונקט ווי אונזער שטאט בלומינגראוו האָט זיך נישט פאָרמירט אויף איינמאָל, נאר מען האָט צוערשט בלויז געוואוינט אין די "וואַרלי הייטס" געגנט, פון דאָרט האָט מען זיך באַזעצט אין "קעפּיטעל היל" און פון דאָרט צו "לעיק שאור", דאָס זעלבע איז אַצינד פאַרהאַן דער געברויך צו גיין ווייטער און זיך קובע זיין אין די שכינות'דיגע גאַסן. ימין ושמאל תפרוצו לכונן עיר מושב על תילה.

דעם פאַרלאָפּענעם מיטוואָך פרשת מטות מסעי העעל"ט, זענען דעריבער די עסקנים אַריין אל הקודש פנימה צו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואו מען האָט פאָרגעלייגט די פרישע הצעה, מיט די גענויע מאַפּעס און פלענער פון דעם הערליכן געגנט. אויפ'ן אָרט האָט דער רבי אויסגעדרוקט זיין באַגער אַז ער וויל אליינס באַטראַכטן דעם ראַיאָן און דאָס באַגלייטן פון דער נאָנט.

באַלד האָט דער רבי שליט"א זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַר און מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו דעם נייעם "מאפעט רידזש" געגנט אין דעם טאַון אָוו בלומינגראוו, ווען דער רבי האַלט אַן אויג אויפ'ן זייגער, אוןווירקליך נאָך אַ קורצע זיבן מינוטיגע רייזע פון ביתו נאוה קודש האָט מען דערגרייכט אין האַרץ פון דער צוקונפטיגער אידישער געגנט.

ס'האט זיך אַנטפּלעקט אַ הערליך בילד פון רואיגע באַשיידענע גאַסן מיט רחבות'דיגע הייזער. דורכאויס אַ לענגערע ווייַלע איז מען אַזוי אַרומגעפאָרן לענגאויס די קלענערע און גרעסערע גאַסן צו באַטראַכטן די פּאָטענציעל פון דעם געגנט, וואָס וועט זיין אַ חלק פון אונזער עיר ואם בישראל, ווען דער רבי דרוקט דערביי אויס זיין קענטיגע התפעלות און תענוג דקדושה אַז דאָס פלאַץ איז טאַקע הונדערט פראָצענט געאייגנט פאר אַ היימישע חסיד'ישע געגנט, פונקט ווי די געגנטער פון דעם ווילעדזש און בארנס ראָוד.

כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א האָט אָנגעוויזן אַז ס'איז טאַקע אַ זמן גרמא ווען מען ליינט אין די תורה פרשת מטות מסעי, "ויסעו ויחנו", ומעשי אבות סימן לבנים, אַז אידישע קינדער דאַרפן זיך אויסשפרייטן און זיך אַרויסציען אין נייע געגנטער. מען קען האָבן אַסאַך דירות מיט אַן הרוחה פאר ביליגע פרייזן, עס פאָדערט זיך נאר דאָס ביסל אָנשטרענגונג להרחיב גבולי הקדושה.

אויפ'ן וועג צוריק איז מען טאַקע אויך אַריבערגעפאָרן דעם ניי - אנטוויקלטן "בארנס" אומגעגט, וואו דער רבי האָט אויסגעדרוקט זיין קורת רוח אַז ב"ה מען האַלט שוין דאָ, ווען דער ראַיאָן איז געוואָרן אַ הייסע מאַרקעט פאַר אַן עיר מושב על תילה.

## ווייטערדיגע פלענער אין פולן שוואונג

תושבי בלומינגראוו הייבן אַרויס מיט שעצונג דעם נאָבעלן שריט פון נאָכמער אויסברייטערן אונזער שטאט אויף אַלע זייטן, ימה וקדמה צפונה ונגבה, און ס'איז דער וואונטש פון אַלעמען אַז דער גרויסער זכות פון רבינו הק' זי"ע מייסד עירינו זאָל אונז באַגלייטן, הולך וגדול עד כי גדול מאוד.

מטעם די "יו. דזשעי. סי." ווערט קלאָרגעשטעלט אַז אונזער פאַראיין וועט געוויס שטיין צוהילף אויך פאר דעם נייעם געגנט, מיט אַלע באַדערפענישן און צרכי הכלל והפרט, פונקט ווי מען באַגלייט די עקזיסטירנדע געגנטער ביז היינט. איבערהויפּט וועט דאָס זיין פיל לייכטער, זינט מיר האָבן שוין אַצינד אַן אייגענעם היימישן פאַרטרעטער אין דעם טאַון קאָנסיל וואָס וועט בעז"ה אַסאַך פאַרגרינגערן דעם פראָצעדור און ברענגען גינסטיגע רעזולטאַטן פאר אחינו בני ישראל.

**בלומינגראוו המעטירה וואַקסט און ברייטערט זיך אויס, ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצו!**

בס"ד

# גַם בָּרוּךְ יִהְיֶה!

הרבני הנכבד המרומם

מוה"ר

# שמואל ברוך שטערן

הי"ו

**פון די בּאַרימטע**
**Astar Home Capital**

ס'איז אונז אַ פאַרגעניגן און אַ פריוויליגיע צו באַגריסן און אויסדרוקן אונזערע טיפע וואונטשן פון "ברוכים הבאים בשם ה'", פאר ידידינו וידיד כל בית ישראל, איש יקר רוח ולב טוב המטיב לכל, שמו מפארים בכל מעלה ומדה נכונה

**וועלכער האָט נאָרוואָס בשעה טובה ומצלחת און מיט סייעתא דשמיא געשלאָסן קאָנטראַקט צו איבערנעמען דעם פראָיעקט פון דעם גרויסן "סאַוט בלומינגראוו ביזנעס פּאַרק", סטאַנציאָנירט ביים ווינקל פון מוזעאום רד און רד. 208 – וואָס וועט זיין אן אויסטערלישע הילף פאר די עקאָנאָמישע און פראַקטישע באַנוץ פון כלל תושבי עירינו.**

**מזל טוב – עלה והצלח!**

## ושמואל בקוראי שמו!

צו דער זעלבער צייט טוען מיר אויסדרוקן מעומק הלב אונזער טיפע דאַנק געפילן, בשם מאות תושבי עירינו, פאר מו"ה ר' שמואל ברוך הי"ו, וועלכער איז אונז אַקעגן געקומען אין די פאַרלאָפענע קריטישע תקופה, אָנהויב זומער, ווען די טראַנספּאָרטאַציע אָפּטיילונג האָט זיך געספּראַוועט מיט שווערע חובות וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט דורכאויס די פאַרלאָפענע יאָרן, אַריינגערעכנט די אַלטע אָנגעהויפנטע באַלאַנסן; דאָס אָפּצאָלן די ווענדארס און פירמעס; און דאָס אויסלייגן נאָך פינף וואָכן פאר פעיראָל פאר אַלע אונזערע געטרייע דרייווער, נאָכדעם וואָס דער טראַנספּאָרטאַציע איניציאַטיוו איז איבערגעגעבן געוואָרן און מען האָט זיכער געמאַכט אַז אונזערע דרייווערס זאלן באַקומען געהאַלט פאר לאַנגע וואָכן מיט הכרת הטוב פאר זייער עבודת הקודש

ר' שמואל ברוך הי"ו איז אונז דאַן אַקעגנגעקומען בסבר פנים יפות, צו ערמעגליכן אַז אַלע חובות ווערן בעז"ה אָפּגעווישט אויפ'ן שענסטן פאַרנעם, אָן דעם וואָס מען זאָל חלילה שולדיג בלייבן אַ פּרוטה פאר קיין שום יחיד אָדער פירמע.

שכרו הרבה מאוד ומה טוב חלקו וחבלו!

לעומתו **ברוך** יאמרו! דער וואונטש און די ברכות פון אַלע תושבי העיר זאל אייך ווירקליך באַגלייטן צו ווערן געבענטשט מיט הצלחה, ברכה און סייעתא דשמיא אויף ווייטער.

על זאת שבחו אהובים, מוקיריו הנאמנים מתוך ידידות

**יצחק עקשטיין • יואל שטערן**

אין נאָמען פון די פּאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו

# בלומינגראוו לעבט מיט לעכטיגע זומער וואָכן בצילא דמהימנותא כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א

**שכונת בלומינגראוו פארוואנדלט ווי יאָר יערליך אלס "תל תלפיות" פאר חסידים ואנשי מעשה וואס ווארעמען זיך לאורו הבהיר פון צאנז זמיגראדער רבי'ן שליט"א וועלכער איז קובע מקום משכן קדשו בתוכינו**

**תושבי העיר אינאיינעם מיט הונדערטער אידן פון אומעטום, וועלכע קומען פון דער נאנט און ווייט, זיך מסתופף זיין בצל הקודש און זיך מזכיר זיין בדבר ישועה ורחמים, האבן די זעלבע הרגשה פון "איש קדוש עובר עלינו תמיד", האבנדיג די זכי' צו מיטלעבן פון דער נאנט די עבודת הקודש וואס פארשיינט אונזער שטאט - והארץ האירה מכבודו.**

**הייליגע תפלות שב"ק און דערהויבענע עריכת השלחנות, רעוא דרעוין און מלוה דמלכה זענען א חטיבה אחת פון התרוממות הנפש צו באלייכטן אידישע הערצער מיט דעם נועם קדושת השב"ק מבואו ועד צאתו**

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דער מנהיג רוחני בעירינו המעטירה באגלייט ווי שטענדיג די פעולות לטובה פון "יו.זשעי. סי.", די שליחי הציבור פון אלע קהלות הקודש, וועלכע האבן שטענדיג אַן אָפן טיר ליהנות ממנו עצה ותושי' און זיך שואל זיין בעצתו ובדעתו דעת תורה על כל צעד ושעל ולהתברך מברכותיו הטהורות**

## כותלי בית המדרש יזכיחו! צענטראַלער בית המדרש המפואר "צאנז זמיגראד" שפרודלט און ווירבלט מיט אנגייענדע מנינים פון שחרית מנחה ערבית און טעגליכע שיעורים בתורה אויף א קביעות'דיגן פארנעם

כמדי שנה בשנה האָט אונזער שטאט די געוואַלדיגע זכי' אין די יעצטיגע זומער חדשים, צו האָבן בתוכינו, רב האי גאון וצדיק נשגב, חסידא ופרישא, כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, דער גרויסער מנהיג און כח הרוחני פון עירינו המעטירה, וואָס איז קובע משכן קדשו בתוכינו, מיט אן אומבאַגרייפליכע רוחניות'דיגער השפעה לטובה לשם ולתפארת.

גדול מרבן שמו, דער צאנז-זמיגראדער רבי שליט"א איז נערץ ונקדש כערכו הנשגב והרם בקרב בית ישראל, ובפרט בתוככי שלומי אמוני ישראל, תלמידי וחסידי סאטמאר, נאך וואָס דער רבי שליט"א איז דער תלמיד נאמן פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, סינ"י סינ"י לו נקרא ארי שבחבורה, נאָך טאַקע בימי קדם אין די הייליגע ישיבה של רבי, ומאז שחר טל ילדותו איז דער רבי שליט"א דבוק ואדוק אין הייליגן רבי'ן זי"ע און מקושר בכל נימי נפשו צו זיינע הייליגע ספרים, ולשמו ולזכרו תאוות נפשו כל הימים.

ובזמן שהצדיק בתוככי עירנו הוא הודה הוא זיוה והדרה, מיט זיין געוואלדיגן כח התורה, פרישות וצדקות, און מיט דער געהויבענער עבודת ה' משכמו ולמעלה גבוה, טוט דער רבי שליט"א פאַרשיינען און באַלייכטן די שטאָט. תושבי העיר שפירן א זכי' צו קענען ווילן במחיצתו און קומען מיטהאַלטן די תפלות, ולשמוע לקח וליהנות עצה ותושי' פון רבי'ן שליט"א על כל צעד ושעל ולקבל ברכותיו היוצאים מקרב לב טהור.

השבת נועם הנשמות. די שבתים בצל הקודש איז עפּעס וואָס בלומינגראַווער איינוואוינער קענען נישט גענוג דאַנקן השי"ת פאר דער זכי'. סיי די וואַרימע דערהויבענע תפלות שב"ק, דער עריכת שלחן הטהור על דרך אבותיו הק' לבית צאַנז - סיגוט, די סעודת רעוא דרעוין בהתשפכות הנפש און די הערליכע מלוה מלכה'ס בצוותא חדא מיט חסידים ואנשי מעשה פון דער נאָנט און ווייט, וועלכע קומען צופאָרן אויך פון אַרומיגע געגנטער און פון די קעטסקיל בערג, צו מיטהאַלטן די הייליגע מעמדים.

יעדער איינוואוינער שפירט פאר א זכי' אַז צווישן אונז וואוינט אַזאַ געהויבענער איד, וואָס טאַטעס קענען צייגן די קינדער, אָט אַזוי קוקט אויס אַ תלמיד פון הייליגן רבי'ן זי"ע, און דער רבי שליט"א איז טאַקע שטענדיג דולה ומשקה מתורת רבינו הקדוש זי"ע. תמיד קאָכט ער זיך מיט אַן אש להבה בדרכו ובשיטתו הקדושה פון רבי'ן זי"ע, מיט דער ריינער און לויטערער דת תורה הברורה וואָס ער טוט שטענדיג חזר'ן, זייענדיג דערמיט אַ ריכטיגער מעוז ומגדל ליראי ה' וחושבי שמו.

ווי אַלע האַלטן עס מיט האָט דער רבי שליט"א באופן מיוחד אַן אָפענעם טיר פאר די עסקני עירנו, די חברי הועד פון "יו.זשעי. סי.", די שליחי הציבור פון אלע קהלות הקודש צו טון און אויפטון למען תועלת ועתיד עירנו ותושבי'. צו יעדער צייט איז דער רבי שליט"א גרייט אויפצונעמען די עסקנים וועלכע קומען זיך שואל זיין בעצתו ובדעתו דעת תורה על כל צעד ושעל, צו פארזיכערן אַז אַלע פעולות ווערן דורכגעפירט על פי התורה אשר יורוך, לויט'ן דרך התורה והמסורה לנו מדור דור. דער רבי שליט"א גיט אַוועק אַסאַך צייט כסדר אויסצוהערן די עסקנים, אָנצייגן הדרך ילכו בה, און באַגלייט די פעולות מברכותיו הטהורות.

תושבי עירינו נוצן טאַקע אויס די געלעגנהייט זיך צו וואַרעמען אונטער דעם געהויבענעם שאָטן פון דעם צאַנז - זמיגראַדער רבי שליט"א, אין דער זעלבער צייט וואָס דער צענטראַלער בית המדרש "צאַנז זמיגראַד", דער מקדש מעט בנשיאותו פונעם רבי'ן שליט"א, איז אויסגעשטיגן אַלס דער תל תלפיות בה"א הידוע פאר דער גאַנצער בלומינגראוו געגנט, זייענדיג דער ווענדפונקט, שהכל פונים אליו, וואס ווירבלט ממש רוב שעות היום מיט מנינים און צענטראַלע שיעורי תורה עד להפליא.

געוויס איז דער ברכה פון אַלעמען אַז עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים, מיר זאָלן די זכי' האָבן נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן צו חוסה זיין בצל הקודש און נהנה זיין עצה ותושי' וברכת הקודש על כל צד ושעל פון די הנהגת והרחבת גבולי העיר.

**ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור!**

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org


## וויכטיגע מודעה

# טראנספאָרטאַציע אפליקאציעס

## צום וואַשינגטאנוויל סקול דיסטריקט

היות עס ווערט ברוך השם נתרבה די גבולי הקדושה, און זינט די י. זשעי. סי. האט אריינגעגעבן די טראנספארטאציע אפליקאציעס ערבי פסחים פארן קומענדיגן סקול יאר הבעל"ט זענען ברוך השם צוגעקומען פילע פאמיליעס וואס די קינדער זענען נאכנישט אינעם טראנספארטאציע סיסטעם,

**דעריבער, אויב האט איר זיך אריינגעצויגן דאהי נאך פסח תשפ"ב לפ"ק**

## ביטע פילט אויס און שיקט אריין אייער טראנספארטאציע אפליקאציע פאר "יעדן קינד באזונדער" צו די סקול דיסטריקט תיכף ומיד.

סקול דיסטריקט רעגיסטראציע אפיס:

**Vanessa Sanchez** Central Registrar

**Washingtonville Central School District**

52 W. Main St. Washingtonville, NY 10992

(P) 845-497-4046 (F) 845-497-4032

vsanchez@wcsdk12.org

**WASHINGTONVILLE CENTRAL SCHOOL DISTRICT**

**APPLICATION FOR TRANSPORTATION**

Based Upon Section 3635 of the Education Law for Transportation

**I HEREBY REQUEST TRANSPORTATION FOR THE 2022/2023 SCHOOL YEAR FOR MY CHILD NAMED BELOW:**

Name of Pupil__________ DOB__________ SEX__________

Ethnicity ______ *White (non-Hispanic)* ______ Black *(non-Hispanic)* ______ Asian *(Pacific Islander)* ______ American Indian *(Alaskan Native)*

Street Address __________

*(Or actual location of residence/closest intersection)*

Names of Parents/Guardians __________

Mailing Address__________

Home #__________ Work #__________

Cell #__________ E-Mail__________

Emergency Contact: Name__________ Phone__________

School Attended 2021-2022__________

**PROOF OF RESIDENCY REQUIRED – TAX BILL/UTILITY BILL or LEASE AGREEMENT**

**NAME of SCHOOL** (PRIVATE/PAROCHIAL) to which **TRANSPORTATION IS REQUESTED** for **2022-2023**

SCHOOL__________ GRADE__________

ADDRESS__________

__________ __________

*DATE* *SIGNATURE OF PARENT/GUARDIAN*

**For CHILDREN ENTERING KINDERGARTEN, a copy of a BIRTH CERTIFICATE must accompany this form.**
**CHILD MUST BE FIVE YEARS of AGE by DECEMBER 1st 2023.**

Return completed form as soon as possible to:

**OFFICE of CENTRAL REGISTRATION**
**52 West Main Street**
**Washingtonville, NY 10992**

**USE A SEPARATE FORM FOR EACH CHILD**

*Forms will not be accepted without proof of residency*

**בייגעלייגט א קאפיע פון די אפליקאציע.**

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

כ"ק מרן **אדמו"ר מצאנז זמיגראד** שליט"א
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

הגה"צ ר' **חיים מאיר גרינוואלד** שליט"א
אב"ד טעטש
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

הגה"צ ר' **יואל האלבערשטאם** שליט"א
אב"ד ד'קיט"ל ד'סאטמאר
לרגל הכנסת בנו לעוהתותמ"צ

הרב **יצחק אייזיק ראטטענבערג** שליט"א
אב"ד קאזאוויע
לרגל הכנסת בנו לעוהתותמ"צ

הרב **יודל האראוויץ** שליט"א
לרגל אירוסי והולדות נכדו למז"ט

ר' **חיים משה בינער** הי"ו
לרגל אירוסי נכדתו למז"ט

ר' **יצחק דניאל ג'ברא** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **טובי' מאיר אינדיג** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **שמואל שמעלקא קליין** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **משה מנחם הורוויץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **עמרם נתן פעלבערבוים** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **נחום חיים שווארץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **ברוך שטעסל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו והולדות נכדו למז"ט

ר' **יואל** ברמ"י **שווארץ** הי"ו
לרגל אירוסי בתו והולדת בנו למז"ט

ר' **יצחק פייערווערקער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אברהם שמואל שטעסל** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל בנימין ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יואל מזרחי** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **צבי עזריאל יחיאל אינדיג** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יואל** ברי"ב **זילבערשטיין** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יעקב יודא לעבאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יהוסף שווארץ** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **פנחס דוד לעבאוויטש** הי"ו
לרגל נישואיו למז"ט

ר' **מרדכי דוד פעלבערבוים** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אשר אנשיל עקשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **בעריש שווימער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יצחק האראוויץ** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **גמליאל שאגדארי מוסא** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **אברהם אבא שפיטצער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **שמעון יואל קליינמאן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתותמ"צ

ר' **אלי' סאלאמא** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתותמ"צ

ר' **משה שניצער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **אלימלך היללער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **משה יואל פעקעטע** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **משה מרדכי סרוגא** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת


זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די
וו. זשעי. ס. טעקסט און טעלעפאן
אלערטס און אפדעיטס

ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער





BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949